בעזרת השם יתברך

גליון

# סיפורי מעשיות

פארן שבת טיש

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת קרח (כא"י חקת)

ה' תמוז ה'תשפ"ג

שנה 4, גליון 17, (104)

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.**

## אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בְּשָׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ וַואלְד צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל פוּן פִיר פִינְף יָאר, דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן גֶעשִׁיקְט אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם בֶּעטְלֶער אַז זֵיי ווִילְן מִיט גֵיין מִיט אִים, הָאט דֶער בֶּעטְלֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר וויל זֵיי נִישְׁט מִיט נֶעמֶען, עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי ווִי אִים, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַבִּיסְל בְּרוֹיט אוּן אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן זֵיי. וֶוען דִי בְּרוֹיט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט הָאבְּן דִי קִינְדֶער ווִידֶער גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ בֶּעטְלֶער.

אַזוֹי הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט זִיבְּן מָאל, יֶעדֶעס מָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בֶּעטְלֶער; אַ בְּלִינְדֶער, אַ טוֹיבֶּער, אֵיינֶער וָואס שְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד, מִיט אַ קְרוּמֶע הַאלְז, מִיט אַ הוֹיקֶער, אָן הֶענְט אוּן אָן פִיס.

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דָאס בְּרוֹיט ווִידֶער אוֹיסְגֶעלָאזְט, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע טָארְבֶּעס אוּן צוּזַאמֶען מִיט אַנְדֶערֶע בֶּעטְלֶערְס אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט. אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְרִיד אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט זֶענֶען אַלֶע בֶּעטְלֶערְס - אוֹיךְ דִי צְוֵויי קִינְדֶער - אַהִין גֶעגַאנְגֶען, הָאט מֶען דָארְט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן אַז מֶען זָאל מְשַׁדֵךְ זַיין דִי צְוֵויי קִינְדֶער, ווִי נָאר מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן דֶערְפוּן אִיז דֶער שִׁידוּךְ גֶעשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן.

## דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גִימַאכְט חַתוּנָה דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן זֵיי גִישְׁטֶעלְט אַ חוּפָּה, אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען, אוּן דִי חָתָן כַּלָה זֶענֶען אוֹיךְ זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען. הָאבְּן זִיךְ חָתָן כַּלָה אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען, דִי חֲסָדִים וָואס הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הָאט מִיט זֵיי גִיטָאן, אַז זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אִין וַואלְד. אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אוּן הָאבְּן זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט, ווִי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם עֶרְשְׁטְן בֶּעטְלֶער, דֶעם בְּלִינְדְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיבְּרַאכְט בְּרוֹיט אִין וַואלְד.

ווִי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גִיבֶּענְקְט, נָאךְ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, דֶערְוַוייל רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חַתוּנָה.

## בֶּענְקֶען אוּן ווֶעלְן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט, מֶען זֶעט דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, יֶעדְן טָאג פוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּענְקְט נָאךְ אַן אַנְדֶערֶער פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס, אוּן יֶעדֶעס מָאל הָאט דֶער בֶּעטְלֶער זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה", לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס אִיז גֶעוֶוען פַארְדֶעם, וואוּ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען פַארְדֶעם, ווִי אַזוֹי אִיז עֶר פְּלוּצְלִינְג אָנְגֶעקוּמֶען?

נָאר דָא זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן 'בֶּענְקֶען' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן 'ווֶעלְן' זַיין גוּט.

**אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן אוּן טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט; אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ דַאוֶוענֶען, אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, אִיךְ גֶעבּ אוֹיף!' קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ: נֵיין! עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין ווֶעג פַאר דִיר צוּ לֶערְנֶען? עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין ווֶעג פַאר דִיר צוּ דַאוֶוענֶען? קֶענְסְט אָבֶּער 'ווֶעלְן' לֶערְנֶען, קֶענְסְט אָבֶּער 'ווֶעלְן' דַאוֶוענֶען, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן 'ווֶעלְן' זַיין גוּט?!**

## נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם ווִילְן

מֶען זֶעט 'בְּגַשְׁמִיּוּת' זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מַצְלִיחַ, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ; וָואס עֶר זָאל נָאר טוּן גֵייט עֶס נִישְׁט, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ אַרְבֶּעטְן, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ עֶפֶענֶען אַ בִּיזְנֶעס, עֶר אִינְוֶועסְטִירְט גֶעלְט, עֶנְדְלִיךְ וֶוען עֶר הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ פַארְדִינֶען פַארְלִירְט עֶר עֶס גְלַייךְ. זֶענֶען טַאקֶע דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זִיךְ נֶעבֶּעךְ גְלַייךְ מְיַיאֵשׁ, זֵיי גֶעבְּן אוֹיף צוּ פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווֶעלְן רוֹב מֶענְטְשְׁן זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף דֶעם ווִילְן צוּ זַיין רַייךְ. 'אִיךְ ווִיל זַיין אַן עוֹשֶׁר', 'אִיךְ ווִיל הָאבְּן גֶעלְט', 'אִיךְ ווִיל זַיין רַייךְ', 'אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ קַאר', 'אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ הוֹיז', - אֵיי דָאס אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע קֶענְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן אַ הוֹיז, בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע קֶענְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַאר?! - פוּן דֶעסְט ווֶעגְן ווִיל אִיךְ עֶס, אִיךְ טְרַאכְט פוּן דֶעם, אִיךְ רֶעד פוּן דֶעם, אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם.

**אֲפִילוּ זַיינֶע חֲבֵרִים ווֶעלְן אִים זָאגְן: "אִינְגֶערְמַאן, דוּ הָאסְט שׁוֹין שָׁאדְן גֶעהַאט אַזוֹיפִיל גֶעלְט, לָאז שׁוֹין אָפּ, זֶעסְט נִישְׁט אַז גֶעלְט גֵייט נִישְׁט מִיט דִיר?!" - לָאזְט עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט אָפּ זַיין ווִילְן, עֶר רֶעדְט וַוייטֶער פוּן גֶעלְט, אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע זַאךְ הָאט נִישְׁט קַיין זִין בַּיי אִים.**

די זֶעלבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען טוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ 'רוּחָנִיּוּת'; אֱמֶת אַז עֶס גֵייט דִיךְ נִישְׁט, אָבֶער פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט כָאטְשׁ 'בֶּענְקְן' און 'וֶועלְן' טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט כָאטְשׁ 'בֶּענְקְן' און 'וֶועלְן' זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?!

## אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוְוֶענֶען

די עֵצָה פוּן בֶּענְקֶען און וֶועלְן זַיין גוּט קֶען מֶען נִיצְן אֲפִילוּ בַּיי עֲבוֹדוֹת וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַז דָאס וֶועט זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשֶׁען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִינְזִין הָאבְּן אַלֶע וֶוערְטֶער פוּן דַאוְוֶענֶען פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְ'ן סוֹף, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְיָאוּשׁ דֶערְפוּן, **'קוּם וָואס אִיךְ דַאוְוען, ווִי קֶען זַיין אִיךְ זָאל קֶענֶען אִינְזִין הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער?'** קֶענְסְט אָבֶער דָאס וֶועלְן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם מִיט אַ חָבֵר ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ דֶעם, אָדֶער ווִי אַזוֹי יֶענֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ דֶעם, ווִיל עֶס, בֶּענְק צוּ דֶעם, חָלוֹם פוּן דֶעם, טְרַאכְט פוּן דֶעם.

## אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת

אָדֶער לְמָשָׁל דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קמט, וְעוֹד מְקוֹמוֹת), מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר מְיָאֵשׁ פוּן דֶעם, **'קוּם וָואס אִיךְ דַאוְוען שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב, זָאל אִיךְ נָאךְ אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ חֲצוֹת?'** אָבֶער בֶּענְק כָאטְשׁ צוּ דֶעם, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ חֲצוֹת, אִיךְ ווִיל זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת".**

## שְׁמִירַת עֵינַיִם

די זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט 'שְׁמִירַת עֵינַיִם'; קֶענְסְט כָאטְשׁ וֶועלְן און בֶּענְקֶען צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם. דָאס זֶעט מֶען בַּיי דֶעם פַּארְפָאלְק, דֶער חָתָן און כַּלָּה, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט צוּ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער; אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין טוֹיזְנְט מָאל גֶעמַאכְט קַבָּלוֹת זִיךְ אָפְּצוּהִיטְן דִי אוֹיגְן, און עֶס אִיז מִיר נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, וַוייל אִיךְ, אִיךְ בֶּענְק, אִיךְ זָאג עֶס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן".**

און אַזוֹי ווִי דוּ הֵייבְּסְט אָן צוּ בֶּענְקְן און וֶועלְן - בִּיסְטוּ שׁוֹין זוֹכֶה צוּ דֶעם, ווִי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט: **"ווִי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, דֶערְוַוייל רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: אִיךְ בִּין דָא".**

## דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז דֶער רָצוֹן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אוֹרַח חַיִּים, הִלְכוֹת בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, הֲלָכָה ד) דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִיבֶּער פַאר'ן מֶענְטְשׁ אִיז דֶער 'רָצוֹן', דָאס ווִילְן זַיין גוּט, וַוייל דָאס עֶצֶם לֶערְנֶען און דַאוְוענֶען - דָאס מַאכְט דַאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְפִירְן מַיינֶע רְצוֹנוֹת, ווִיל אִיךְ זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל אוֹיפְשְׁטֵיין צוּפְרִי, אִיךְ ווִיל דַאוְוענֶען, אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אֱמוּנָה, אִיךְ ווִיל הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, אִיךְ ווִיל זִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל הִיטְן מַיין דִיבּוּר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט שֶׁעלְטְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט רֶעדְן חַס וְשָׁלוֹם קֵיין מִיאוּס'ע וֶוערְטֶער",** - פְרֵיידְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אֵיי, אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן? אָבֶער אִיךְ ווִיל, אִיךְ זָאג עֶס נָאכְאַמָאל פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אֵיין זַאךְ קֶען צֶעבְּרֶעכְן דַיין אַדִיקְשְׁן

אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט חָלוֹמ'ֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דִי 'ווִילְן'; עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל זַאכְן אִין וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרַיין גֶעכַאפְּט וָואס מֶען קֶען פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין, מֶען רוּפְט דָאס "אַדִיקְשְׁן", עֶס אִיז אָבֶער דָא אֵיין זַאךְ וָואס קֶען צֶעבְּרֶעכְן דַיין אַדִיקְשְׁן, אַז דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג בֶּעטְן אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל דָאס נִישְׁט טוּן, אִיךְ בִּין אַדִיקְטֶעט צוּ דֶעם, אָבֶער אִיךְ ווִיל עֶס נִישְׁט טוּן",** און מֶען זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם אֱמֶת אַז מֶען ווִיל עֶס נָאךְ יָא טוּן אָבֶער: **"אִיךְ ווֵייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ ווִיל עֶס טוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אֵיין טָאג דָאס נִישְׁט וֶועלְן טוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אֵיין טָאג וֶועלְן זַיין גוּט".**

אֲפִילוּ נָאכ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעט מֶען אַז אַלֶעס בְּלַייבְּט ווִי פְרִיעֶר, אִיךְ גֵיי צוּרִיק צוּ מַיינֶע תַּאֲווֹת און דִמְיוֹנוֹת, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין אַדִיקְשְׁן, נִיץ אִיךְ וַוייטֶער מַיין מוֹיל, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, און אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן.

## פַארְוָואס זָאל אִיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה?

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן אַ מְלַמֵּד פְּלֶעג אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין אִין מִקְוֶה, זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן בַּעַל הַבַּיִת'שֶׁע שְׁטִיבֶּער וָואס הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט: **"מַיין טַאטֶע גֵייט נִישְׁט אִין מִקְוֶה, מַיין זֵיידֶע גֵייט נִישְׁט אִין מִקְוֶה, זֵיי נֶעמֶען אַ שַׁאוֶוער און שׁוֹין, פַארְוָואס זָאל אִיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה?"** הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער וָואס הָאבְּן מִיר צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ וָואס אִיךְ אַלֵיינְס ווִיל דָאס נִישְׁט?"** הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: **"דוּ קֶענְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן 'וֶועלְן' גֵיין אִין מִקְוֶה",** דָאס הָאבְּן זֵיי יָא מַסְכִּים גֶעוֶועזְן, צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָנְצוּהֵייבְּן וֶועלְן גֵיין אִין מִקְוֶה. וָואס מֵיינְט אִיר? וֶוען זֵיי זֶענֶען בַּר מִצְוָה גֶעוָוארְן זֶענֶען אַלֶע גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה! תְּפִלָּה הָאט עֶס גֶעמַאכְט.

אַז אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וֶועלְן זַיין גוּט",** אֲפִילוּ עֶס קוּקְט אוֹיס אַזוֹי וַוייט פוּן זַיין נַאטוּר, - הֶעלְפְט דָאס.

## לִיבּ הָאבְּן בָּארְד און פֵּאוֹת

אַן עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעהַאט אַמָאל מִיט אַ 'בָּארְד'; עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ בָּחוּר וָואס פְּלֶעגְט זִיךְ שְׁנֵיידְן דִי בָּארְד, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז מֶער קְיוּט אָן אַ בָּארְד... הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט גֵיין מִיט אַ בָּארְד",** זָאגְט עֶר מִיר: **"עֶס אִיז אַ תְּפִלַּת שָׁוְא וַוייל אִיךְ ווִיל דָאס נִישְׁט",** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: קֶענְסְט אָבֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן 'וֶועלְן' גֵיין מִיט אַ בָּארְד, אֲפִילוּ יֶעצְט ווִילְסְטוּ נַאכְנִישְׁט; בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן לִיבּ הָאבְּן מַיין בָּארְד און פֵּאוֹת",** וָואס מֵיינְט אִיר? עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ יָאר צְווֵיי און עֶר הָאט אַ שֵׁיינֶע בָּארְד! אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי, דָאס מֵיינְט 'תְּפִלָּה', מִיט תְּפִלָּה און הִשְׁתּוֹקְקוּת קֶען מֶען אוֹיס'פּוֹעֶל'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיס, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל לֵייגְן תְּפִלִּין", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל דַאוְוענֶען".**

דָאס אִיז דֶער רֶבִּי דָא מְרַמֵּז, אַז ווִי נָאר דֶער חָתָן כַּלָּה הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּענְקֶען צוּ דִי בֶּעטְלֶערְס, צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, הָאבּ זֵיי גְלֵייךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: **"אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ עֶנְק אוֹיף דֶער חֲתוּנָה",** ווִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן צוּ

בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר גְלַייךְ זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער; דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער רוּפְט זִיךְ צוּ דֶער חָתָן אוּן כַּלָּה:

אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ דְרָשָׁה גִּישַׁאנְק, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. וָוארְן פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ דָאס גִיוואוּנְטְשְׁן, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ.

## אַ בְּרָכָה אָדֶער אַ מַתָּנָה

קוֹדֶם הָאט עֶר זֵיי נָאר גֶעהַאט גֶעוואוּנְטְשְׁן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִים, וָואס דָאס - אַ בְּרָכָה פוּן אַ צַדִּיק - אִיז אוֹיךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אָבֶּער יֶעצְט הָאט עֶר זֵיי דָאס גֶעשָׁאנְקֶען בְּמַתָּנָה גְּמוּרָה, אַלְס דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק.

דָאס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט, פַּארְוָואס פִינְקְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט עֶר זֵיי דָאס גֶעגֶעבְּן בְּמַתָּנָה גְּמוּרָה?

נָאר ווילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז עֶר צֶעבְּרָאכְן; רוֹב בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן לִיבּ דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל זֵיי זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן, זֵיי ווילְן שׁוֹין אָנְהֵייבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן, ווִיפִיל מֶען וֶועט נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל, וֶועט דָאס נִישְׁט גֵיין, אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל דַארְפְן מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת, זֵיי לוֹיפְן שְׁטֶענְדִיג נָאךְ דִי מְפִיצִים פַאר אַבִּיסְל חִיזּוּק, דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען בְּלוֹיז אַ 'בְּרָכָה' פוּנֶעם צַדִּיק. אָבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה, וֶוען מֶען אִיז זִיךְ שׁוֹין מְסַדֵּר, אַלֶעס אִיז שׁוֹין פֵיין אוּן וואוֹיל, ווִילְסְטוּ נָאכְאַלְץ דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ בֶּענְקְסְט נָאכְאַלְץ צוּ זַיין גוּט, דוּ דַארְפְסְט נָאכְאַלְץ דִי חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק בְּמַתָּנָה גְּמוּרָה.

## בְּלַייבְּן שְׁוֶועבְּן אִין דִי לוּפְטְן

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען אִיז אַמָאל גֶעוֶועט צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה נֵרוֹ יָאִיר** וָואס אִיז דִי וָואךְ אַ חָתָן: מַזָּל טוֹב, דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן; זָאלְסְט אַלְץ גֶעדֶענְקֶען דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעהַאט צְוֵויי שִׁידוּכִים פוּן תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קה:): **"אֶחָד מִבְּנֵי חֲבוּרָה שֶׁמֵּת תִּדְאַג כָּל הַחֲבוּרָה כּוּלָּהּ"**, וֶוען עֶס גֶעשֶׁעט אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ אִין אַ חֲבוּרָה דַארְף דִי גַאנְצֶע חֲבוּרָה תְּשׁוּבָה טוּן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אוֹיבּ אִיז דָא 'שִׂמְחוֹת' אִין אַ חֲבוּרָה, דַארְף זִיךְ דֶער גַאנְצֶע חֲבוּרָה פְרֵייעֶן!

דֶער חָתָן זָאגְט מִיר פְרִיעֶר אַז עֶר קֶען נָאכְנִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן, הָאבּ אִיךְ אַרַיין גֶעטְרַאכְט: 'עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר פוּן מַיין חֲתוּנָה, פַארְוָואס בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ? אִיךְ דַארְף זִיךְ אוֹיךְ נָאךְ שְׁפִּירְן וִוי אִין לוּפְטְן פוּן שִׂמְחָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט'.

נֶעכְטְן אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין אָפִיס דֶער טַאטֶע פוּן הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר פְּלַאצְט אוֹיס אִין אַ גֶעוֵויין, אִיךְ פְרֶעג אִים וָואס גֵייט פָאר? זָאגְט עֶר מִיר גֶעשְׁטִיקְט מִיט טְרֶערְן: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, פַארְוָואס הָאט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּן צוּ מִיר?!"** עֶר הָאט גֶעקַייכְט פוּן שִׂמְחָה! עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ צִיפּ אִין הַארְץ, אִיךְ גֶעדֶענְק אוֹיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַ חָתָן גֶעוָוארְן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעוֵויינְט פוּן שִׂמְחָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ בִּין אַ חָתָן גֶעוָוארְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ שׁוֹין אַרָאפּ גֶעקוּמֶען?' אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט בְּלַייבְּן שְׁוֶועבְּן אִין דִי לוּפְטְן פוּן שִׂמְחָה דִי גַאנְצֶע צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, פוּן דֶעם חֶסֶד וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אַז אִיךְ בִּין חֲתוּנָה גֶעהַאט.

אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן, נָאךְ מַיין חֲתוּנָה הָאט דֶער בַּדְחָן וָואס הָאט גֶעגְרַאמְט בַּיי דִי חֲתוּנָה, מִיר אַהֵיים גֶעטְרָאגְן מִיט מַיין כַּלָּה פוּנֶעם זַאל צוּ דִי דִירָה וָואס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁטָאט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'דֶער דְרַייוֶוער הָאט דָאךְ אוֹיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט, עֶר פִילְט נָאכְאַלְץ דָאס וָואס אִיךְ פִיל?! עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס; פַארְוָואס טַאקֶע נִישְׁט? דִי שִׂמְחָה אִיז אַ זַאךְ וָואס וֶועפְּט אוֹיס?!' אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין, וָואס גֶעשֶׁעט דְרֵיי וָואכְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה? פַארְוָואס בְּלַייבְּט מֶען נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע פְרֵיילִיךְ.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם פְרִישְׁן חָתָן:** וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס זֶעסְטוּ עֶפֶּעס, אָדֶער דוּ טְרַאכְסְט נָאר פוּן אֵיין זַאךְ: **"בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ חָתָן!"**? בָּחוּרִים זָאגְן מִיר, דִי עֶרְשְׁטֶע פָאר טָאג וָואס מֶען וֶוערְט אַ חָתָן, דַארְף מֶען נִישְׁט עֶסְן אוּן נִישְׁט שְׁלָאפְן, פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה.

## שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע עֲבֵירוֹת

דִי וָואךְ סוֹף סֶדְרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כח, ט): **"וַיֵּלֶךְ עֵשָׂו אֶל יִשְׁמָעֵאל וַיִּקַּח אֶת מָחֲלַת בַּת יִשְׁמָעֵאל"** וְגוֹ', זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (רַשִׁ"י פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח; בְּרֵאשִׁית לו, ג) וֶועגְן דֶעם רוּפְט מֶען אִיר אָן 'מָחֲלַת', וַוייל דְרֵיי מֶענְטְשְׁן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'מוֹחֵל' זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אַ גֵר, אֵיינֶער וָואס אִיז עוֹלֶה לִגְדוּלָּה, אוּן אַ חָתָן בְּיוֹם חֻפָּתוֹ.

פַארְוָואס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת? וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ! דֶער גֵר פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ אִיד, דֶער וָואס אִיז עוֹלֶה לִגְדוּלָּה, פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶר אִיז עֶרְוֶועלְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין פְּרֶעזִידֶענְט אָדֶער גַאוֶוענֶער וְכַדּוֹמֶה, אוּן דֶער חָתָן פְרֵיידְט זִיךְ צוּ זַיין חֲתוּנָה; שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע עֲבֵירוֹת.

מֶען זֶעט וֶוען אַ חָתָן קוּמְט אַרַיין צוּ דִי חֲתוּנָה, הָאט עֶר עֶפֶּעס אַ לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף זַיין פָּנִים, מֶען זֶעט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ גַאנְץ יָאר אַזַא לִיכְטִיגֶע פָּנִים, מֶען זֶעט אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, דָאס קוּמְט פוּן זַיין פְרֵיילִיכְקֵייט, דוּרְךְ שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְחִילַת עֲווֹנוֹת.

## אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מֶען דַארְף נָאר זֶען דִי שִׂמְחָה זָאל בְּלַייבְּן; מֶען דַארְף מֶען זִיךְ אַלְץ דֶערְמַאנֶען וִוי אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַמָאל אִין וַואלְד אַלֵיין, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט דֶערוֹיף, דִי רֶגַע מֶען קוּקְט אָן אַ זַאךְ וִוי אַ 'מַתָּנָה', וֶועט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין דֶערִין, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט עֶס אָן וִוי אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען נֶערְוֶועז דֶערְפוּן. דֶערְפַאר אַז מֶען קוּקְט אָן דִי וַוייבּ וִוי אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט מֶען נִישְׁט נֶערְוֶועז, מֶען זָאגְט נִישְׁט: "דוּ קֶענְסְט אִיר אַוֶועק נֶעמֶען פוּן מִיר? וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט אִיר?..." וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז דָאס אִיז מַיין מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען

גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער און נָאכְאַמָאל גוּטֶע וֶוערְטֶער, און אוֹיב מֶען כַאפְּט אַ פְּסַק אִיז עֶס נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ.

## נִישְׁט קַיין כַּפָּרַת עֲוֹנוֹת!

פָּארִיגֶע וָואךְ נָאכְ'ן שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי הָאבְּן מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט אַ חִידוּשׁ (אִיךְ וֵויס נִישְׁט צִי דֶער עוֹלָם הֶערְט דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן נָאכְ'ן שִׁיעוּר, עֶס אִיז כְּדַאי אוֹיסְצוּהֶערְן); וֶוען דִי וַוייבּ שְׁרֵייט מֵיינְט זִי גָארְנִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, זִי אִיז פָּשׁוּט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין כַּפָּרַת עֲוֹנוֹת! פּוּנְקְט וֶוען דַיין קְלֵיין קִינְד שְׁרֵייט: "דַאדַא טַאטִי", אִיז עֶס אוֹיךְ כַּפָּרַת עֲוֹנוֹת?! - נֵיין! וַוייל דוּ וֵוייסְט אַז דָאס קִינְד מֵיינְט גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד; וֶוען דִי וַוייבּ שְׁרֵייט מֵיינְט זִי אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) דִי פְרוֹיעֶן גֵיין אַרִיבֶּער אַסַאךְ יְסוּרִים און אַסַאךְ צַעַר; צַעַר הָעִבּוּר, צַעַר הַלֵּידָה און צַעַר פוּן מְגַדֵּל זַיין דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אִינְמִיטְן אוֹיסְוַואשְׁן דֶער עֶרְד: "פַארְוָואס טְרֶעטְסְטוּ אַרַיין?!"

אַז מֶען גֶעדֶענְקְט אַ גַאנְצְן צַייט אַז דָאס אִיז אַ מַתָּנָה, וַוארְט מֶען אוֹיס, און עֶס אִיז אַ מְחַיֶה.

## אָרְנְטְלִיךְ פַאר דֶעם און פַאר יֶענֶעם...

מֶען קֶען זֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר אָרְנְטְלִיךְ צוּ זֵייעֶר שְׁכֵנוֹת, לְמָשָׁל, זֵיי הַאלְטְן אָפְן דִי טִיר וֶוען זֵיי קוּמֶען אַרַיין אִין בִּנְיָן; אִיךְ טוּ דָאס נִישְׁט, וַוייל אַז מֶען קוּקְט אָן דִי וַוייבּ וִוי אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן מִיט דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ, מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין אָרְנְטְלִיךְ פַאר דֶעם און פַאר יֶענֶעם...

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

איהר מֵיינְט, אַז אִיךְ בִּין אַ בְּלִינְדֶער, אִיךְ בִּין גָאר נִיט בְּלִינְד, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טְרֶעפְט בַּיי מִיר נִיט אָן כְּהֶרֶף עַיִן, (דְהַיינוּ וִוי אֵיין אוֹיגֶנְבְּלִיק אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי בְּלִינְד, וָוארְן עֶר טוּט גָאר קֵיין שׁוּם קוּק אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין. וָוארְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט טְרֶעפְט בַּיי אִיהם גָאר נִיט אָן אֲפִילוּ וִוי אֵיין אוֹיגֶנְבְּלִיק, אִיבֶּער דֶעם גִישִׁיקְט זִיךְ בַּיי אִיהם גָאר נִיט קֵיין זֶעהְן, און קֵיין קוּק אִין דֶער וֶועלְט).

## עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט

דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵיי אַנְטְפְּלֶעקְט אַז עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט בְּלִינְד, עֶר קוּקְט אוֹיס בְּלִינְד וַוייל עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ קוּקְן; עֶר הָאט נָאר גֶעזוּכְט צוּ קוּקְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וואוּ מֶען קֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן עֶפֶּעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## און דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער זָאגְט זֵיי:

וָוארְן אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט, און אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג, און אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָאר נִיט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן, און בִּין פָּארְט זֵייעֶר אַלְט.

בַּאלְד וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין אַז עֶר אִיז זֵייעֶר אַלְט און גָאר יוּנְג.

און נִיט אִיךְ אַלֵיין זָאג דָאס, נָאר אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוֹיף פוּן דֶעם גְרוֹיסְן אָדְלֶער. אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה. (דָאס רֶעט אַלְץ דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער).

יֶעצְט גֵייט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְן אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַלְט און יוּנְג.

מִיר וֶועלְן זִיךְ דָא אָפְּשְׁטֶעלְן, מִיט דֶעם שְׁטִיקְל בִּיז אַהֶער קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ גוּט מְחַיֶה זַיין.

## דָאס מֵיינְט יֵאוּשׁ

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן בֶּענְקֶען און וֶועלְן זַיין גוּט, און אֲפִילוּ אִיךְ הַאלְט נָאכְנִישְׁט בַּיי דִי זַאךְ, אִיךְ קֶען נָאכְנִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיךְ קֶען נָאכְנִישְׁט דַאוֶונֶען בְּכַוָּנָה, אִיךְ רֶעד נָאךְ לָשׁוֹן הָרָע, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ בֶּענְקֶען און בֶּעטְן דֶערוֹיף: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל דַאוֶונֶען, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אָפְּהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אָפְּהִיטְן מַיין מוֹיל, אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרָע".

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: פַארְוָואס זֶענֶען דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ אַלְץ פַארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן פוּן 'יֵאוּשׁ', וֶוער אִיז זִיךְ דֶען מְיַיאֵשׁ? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, וֶוער אִיז זִיךְ מְיַיאֵשׁ? - דָאס אַז דוּ רֶעדְסְט לָשׁוֹן הָרָע וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַנְדֶערְשׁ... און מֶען הָאט נָאךְ אַ רְאָיָ' צוּ דֶעם פוּן דִי גְמָרָא (בָּבָא בַּתְרָא קסה.) אַז: "הַכֹּל בְּלָשׁוֹן הָרָע", דָאס מֵיינְט יֵאוּשׁ, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אֵיין תְּפִילָה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל נִישְׁט רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל נִישְׁט בַּארֶעדְן קַיין מֶענְטְשְׁן", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן וֶוען אִיךְ הֶער עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשֶׂה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלְץ גֶעדֶענְקֶען דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "**שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ**".


בס"ד

כולל
היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

התודה והברכה
לידידינו היקר
מוה"ר יואלי מענדלאוויטש שליט"א
שנדב סכום הגון לכוללינו





קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876